**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/5/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע ׳טעקל באָקס׳ סמאַרטפאָן אייגנשאפט צו פארבעסערן פישכאפריי-פארבינדענע טוריזם אין ניו יארק סטעיט**

***צוגאב צו HUNTFISHNY עפ מאכט פישכאפן אין ניו יארק סטעיט גרינגער און מער געניסנד***

***אומפארגלייכבארע מאָביל צוטריט צו פישכאפריי רעגולאציעס, וואסער פארזאמלונג אינפארמאציע, באשעפעניש-זגאלן סימנים, סטאָקינג, און פיל מער***

***עפ איז א הוספה צו עקזיסטירנדע באמיאונגען צו מאכן לייכטער דאס פישכאפן און צוציען נאך אַנגלער (שטאנג-און-שטריקל פישכאפער) צו ניו יארק׳ס בארימטע פישכאפריי דעסטינאציעס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן דער סטעיט׳ס נייע ׳טעקל באָקס׳ מאָביל פאָן אייגנשאפט צו פארבעסערן פישכאפריי טוריזם דורך לייכטער מאכן סיי פאר נייע און סיי פאר ערפארענע אַנגלער צו געניסן פון די געוואלדיג גוטע פישכאפריי אנגעבאטן לענגאויס ניו יארק. דער נייער ׳טעקל באָקס׳ אייגנשאפט בויט אויף דער סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג׳ס HuntFishNY סמאַרטפאָן עפּ צוצושטעלן אן איינציג-ארטיגער לאקאציע פאר כמעט אלע סטעיט פישכאפריי רעגולאציעס, וואסער-ערטער, סטעיט-אפערירטע פישכאפריי צוטריט ערטער, סטאָקינג אינפארמאציע, און אנדערע ניצבארע אייגנשאפטן ווי למשל בילדער צו העלפן דערקענען פיש אומשטאנד זיך צו געפונען אין א געוויסע טייך, לעיק אדער שטראם.

״ניו יארק איז אן ערשטראנקיגע פישכאפריי דעסטינאציע וואס טוט אנבאטן א ברייטע ריי געלעגנהייטן זיך צו כאפן א גוטס פון א גרויסע ליסטע פון דאס בעסטע און שענסטע פון פישכאפריי זגאלן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דאס ארויסגעבן דעם אייגנארטיגן ׳טעקל באָקס׳ אייגנשאפט וועט מאכן פישכאפריי נאך מער צוטריטליך פאר אונזערע איינוואוינער און באזוכער פון אלע שטאפלען פון ערפארונג, זיי צוצושטעלן אן איינציג-ארטיגע לאקאציע פאר אלע פישכאפריי אינפארמאציע. איך מוטיג אלע ניו יארקער צו ניצן דעם פיטשוּר און זיך ארויסלאזן אויף די וואסערן נאך היינט כדי אויסצוניצן די געלעגנהייט פון די גאר גוטע פישכאפריי וואס אונזער סטעיט האט אנצובאטן.״

דער דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (DEC) האט געפירט דאס שאפן דעם ׳טעקל באָקס׳ מאפע-באזירטע אויסזע פאר וויזן פישכאפריי אינפארמאציע. אנדערש ווי אנדערע איצטיגע מאָביל פישכאפריי עפס וואס ווערן אנגעבאטן פאר ניו יארק סטעיט, טוט ׳טעקל באָקס׳ ערמעגליכן פאר באניצער צו זוכן וואסער-ערטער ביים נאמען אדער דורך ארומזוכן און אריין אדער ארויס-זומ׳ען ארויסגעהויבענע וואסער-ערטער קען מען דרוקן, און זיי שטעלן צו אינפארמאציע איבער ספעציעל פישכאפריי רעגולאציעס, פיש סטאָקינג, און שיפלעריי / פישכאפריי צוטריט ערטער באזיצט דורך DEC, דער סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג, ניו יארק סטעיט קאנאל קארפארעישען, און ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענוויראָנמענט אפהיטונג. אין צוגאב גיבט דער נייע

׳נעוויגעיט׳ פיטשור דרייוו׳ען אנווייזונגען צו די שיפלערייי צוטריט ארט וואס געפעלט זיי אמבעסטן. דער ׳טעקל באָקס׳ רעכנט אויך אריין אן אָף-ליין (נישט אויפ׳ן אינטערנעט) פיטשור וואס ערמעגליכט פאר פישכאפער צו ניצן ווען סעלפאָן סערוויס ארבעט נישט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״׳טעקל באָקס׳ פיטשורס ערמעגליכן פאר פישכאפער גרינג צו באקומען נייטיגע אינפארמאציע אויף א באקוועמען אופן דורך זייערע סמאַרטפאָנס, מיט צי אָן אַן אינטערנעט באהעפטונג. פישכאפעריי רעגולאציעס, פישכאפן צוטריט ערטער, סטאָקינג אינפארמאציע, און פיל מער איז אלצדינג צו באקומען, צי תיכף צי דורך דאָונלאד׳ען די אינפארמאציע. ׳טעקל באָקס׳ איז נאך א גאר גוטע ביישפיל פון ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו מאכן פישכאפעריי לייכטער פאר יעדן איינעם צו געניסן.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט,** ״פישכאפער פון ארום דער גארער וועלט האלטן ניו יארק סטעיט אלס א פרעמיערע פישכאפעריי דעסטינאציע. דער נייער ׳טעקל באָקס׳ פיטשור וועט מוטיגן נאך מער פישכאפעריי ליבהאבער צו קומען און נעמען א חלק אין אלצדינג וואס עס איז פאראן צום געניסן אין ניו יארק, פון ערשטוינענדע נאטורליכע סצענעס ביז צוציענדע גאסט-הייזער און ערשטראנקיגע עסנווארג און געטראנקען צום געניסן. ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ קוקט ארויס אויף ארויסצוהייבן דעם ׳טעקל באָקס׳ אין איר טוריזם רעקלאמירונג באמיאונגען פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך וועלכע פלאנירן אן עמפייער סטעיט וואקאציע.״

**סטעפאני וועסט וועטעלארא, סעניאר וויצע פרעזידענט פאר מארקעטינג און קאמוניקאציעס מיט דער פארוויילונג שיפלערייי און פישכאפעריי פאנדעישען, האט געזאגט,** ״איינע פון די הויפט סיבות וואס מענטשן גייען נישט פישכאפן איז צוליב דעם וואס זיי ווייסן נישט וואו אהין צו גיין. דער נייער ׳טעקל באָקס׳ פיטשור אויף דעם HuntFishNY עפּ העלפט צופירן מענטשן צו ארטיגע פישכאפעריי ערטער און זיי באקאנט מאכן מיט רעגולאציעס און פיש-זאגלן אינפארמאציע צו העלפן מאכן דאס אויספלאנירן א טריפּ לייכטער און גלאטיגער.״

**טאד צייסנער, ארויסגעבער פון *׳אין פישערמען׳* מאגאזין, האט געזאגט,** ״פישכאפער לענגאויס ניו יארק האבן איצט אן ערשטראנקיגע מיטל אויף נאכצופארשן און פלאנירן זייער נעקסטער פישכאפעריי רייזע, סיי צי עס איז צו א לעיק, טייך, קריעק, אדער פּאָנד. דער נייער ׳טעקל באָקס׳ אפטיילונג פון דעם HuntFishNY עפּ איז אויסערגעוועגליך באניצער-פריינטליך און וועט זיין א בייהילפיגע מיטל פאר גענצליך-נייע צי גאר ערפארענע פישכאפער.״

**לערי שארעט, פארזיצער פון דעם ניו יארק סטעיט קאונסיל פון ׳טראָוט אָנלימיטיד׳, האט געזאגט,** ״דער נייער DEC ׳טעקל באָקס׳ איז א פארוויילונגס-פישכאפן געים-טשעינדזשער. דער נייער מיטל גיבט אן אוצר פון געציעלטע פישכאפעריי אינפארמאציע אויף ניו יארקער וואסערן, און עס טוט אויך ארויסהייבן די רייכע פובליק צוטריט צו ניו יארק פישכאפעריי. ׳טראוט אָנלימיטיד׳ פריידט זיך זייער צו קענען באקאנט מאכן דעם נייעם מיטל צו אונזערע 8,000 מיטגלידער אין ניו יארק.״

**סקאט לאקאריני, פרעזידענט פון דער ניו יארק סטעיט אפענע-לופט וועגווייזער אסאסיעשען, האט געזאגט,** ״איך האלט אז דער נייער ׳טעקל באָקס׳ עפּ איז צום ערשטוינען! נישט בלויז וועט עס זיין בייהילפיג פאר די וועגווייזער פון ניו יארק סטעיט ביים זוכן נייע וואסער-ערטער, נאר עס וועט אויך זיין א טובה פאר אלע פישכאפער אין ניו יארק. עס געפעלט מיך ספעציעל עס צו קענען ניצן אָף-ליין, וויבאלד פילע פון די ערטער וואו איך גיי האבן נישט קיין סעלפאָן סערוויס.״

**דאון על. בארשערט, דירעקטאר פון טוריזם ביי ארליענס קאונטי טוריזם, האט געזאגט,** ״דאס אנטוויקלען DEC׳ס נייע ׳טעקל באָקס׳ פיטשור אין דעם HuntFishNY עפּ וועט פארבעסערן און אויסשולן אונזערע פישכאפער דורכלעבעניש ביים באזוכן לעיק אנטעריאו, בייטייך שטראמען, אדער אנדערע וואסער-ערטער וואס געפונען זיך אין ארליענס קאונטי. דער עפּ וועט ערמעגליכן פאר פישכאפער צו אנטדעקן אנדערע ערשטראנקיגע פישכאפעריי ערטער, וואס זיי האבן פריער נישט געוואוסט דערוועגן, דורך ניצן די מיטלען ווי רעגולאציעס, סטאָקינג, פיש-זגאלן, אלע פון וועלכע געפונען זיך אויף זייערע סעלפאָנס. צום לעצט וועט דער עפּ ערמעגליכן פאר פישכאפער אויסצוציען זייער באזוך אין ניו יארק סטעיט ביים פישכאפן!״

דער HuntFishNY עפּ שטעלט צו תיכף׳דיגע מאָביל צוטריט צו א קאסטומער׳ס ספארט לייסענס, פריווילעגיעס און פערמיטס, ווי אויך די פעאיגקייט צו באריכטן געכאפטע פישן תיכף נאך אויפ׳ן ארט. דער HuntFishNY עפּ, וואס אנטהאלט דעם ׳טעקל באָקס׳, איז אומזיסט און צו באקומען דורך דעם ׳עפּל עפּ סטאָר׳ (איַי-אָס) און ׳גוּגל פּלעי׳ (ענדראָוד) פלאטפארמעס פאר סיי וועמען צו דאָונלאָד׳ען אויף זייערע טאבלעטן אדער סמאַרטפאָנס. אויף צו באקומען HuntFishNY מיט דעם נייעם ׳טעקל באָקס׳ פיטשור, וועלן באניצער דארפן שאפן א DECALS אַקאָונט אבער דארפן נישט האבן קיין פישכאפן אדער געיעג לייסענס.

צו זען א הדרכה ווידעאו אויף וויאזוי צוצוקומען צו ׳טעקל באָקס׳ פון דעם HuntFishNY עפּ, גייט צו youtu.be/G7yQehsjH-g. פאר א קורצע דעמאנסטראציע אויף אייגנשאפטן פון דעם ׳טעקל באָקס׳, גייט צו youtu.be/85jtYE8pBag. פאר מער אינפארמאציע איבער דעם HuntFishNY עפּ און נייע ׳טעקל באָקס׳ פיטשור, באזוכט דעם DEC וועבזייטל אויף dec.ny.gov/outdoor/96470.html. פאר טעכנישע הילף מיט דעם עפּ, קענען באניצער רופן דעם DECALS העלפּלייַן אויף 866-933-2257. פאר ספעציפישע פראגעס איבער פישכאפן, קענען באניצער אימעיל׳ען fwfish@dec.ny.gov.

ניו יארק האט צענדליגער וואסער-ערטער וועלכע ראנקירן שטענדיג צווישן די בעסטע פישכאפעריי דעסטינאציעס אין דעם לאנד. אין 2021, האט ניו יארק זיך געקענט שטאלצירן מיט זעקס לאקאציעס אין *׳בעסמעסטער מאגאזין׳ס׳* 25 בעסטע בעס לעיקס אין דעם צפון-מזרח. דאס רעכנט אריין דעם סט. לאורענס טייך (׳טאוזענד איילענדס׳ נומער 1), לעיק ערי (נומער 3), לעיק שאמפלעין (נומער 4), קאיוגע לעיק (נומער 11), אָנײדע לעיק (נומער 18), און טשאטאקווא לעיק (נומער 25). אויסגעצייכנטע טראָוט פישכאפעריי ציעט אויך באזוכער פון לענגאויס דעם לאנד צו בארימטע ערטער ווי ניין-מייל קריעק, און די אוסעבעל, עסאפּוס, דעלעווער, ביעווערקיל, און אויבערשטע דזשענעסי טייכן, צווישן פילע אנדערע לענגאויס דעם סטעיט. סעלמאן פישכאפן לענגאויס דעם סעלמאן טייך און דורכאויס לעיק אנטעריאו טוט זיך ווייטער אויסצייכענען, און א רעקארד צאל וואל-איי (׳יעלאָו-פּייק׳) פיש אין אניידע לעיק, ווי אויך א גרויסע צאל אין לעיק ערי, זענען ווייטער א גאר גרויסן פארגעניגן פאר פישכאפער. ניו יארק׳ס פישכאפערביישטייערן אן אפגעשאצטע 2.1 ביליאן דאלער צו דער עקאנאמיע, שטיצנדיג דזשאָבס און העכערן סטעיט און ארטיגע שטייער איינקונפט.

אלע ניו יארק פישכאפער, איינוואוינער אדער באזוכער, האבן א ראלע צו שפילן אין באשיצן סטעיט וואסער-ערטער פון אומגעוואונשענע מינים. DEC דערמאנט פאר יעדן אפצורייניגן, לאזן ארויסרינען, און אויסטריקענען שיפן און טרעילערס, און גוט אפרייניגן און דיסאינפעקט׳ירן פישכאפער געצייג איידער מען פארוויילט אין ניו יארקער וואסער-ערטער כדי צו פארמיידן פארשפרייטונג פון אומגעוואונשענע וואסער באשעפענישן (AIS). באזוכט DEC׳ס וועבזייטל פאר מער עצות אויף וויאזוי צו רייניגן, לאזן אויסרינען און טריקענען שיפן, פישכאפער געצייג און אנדערע אויסריכטונגען און פאר נאך אינפארמאציע איבער ניו יארק׳ס וואסער-פארצייג אינספעקציע אפּוטרופּוס׳שאפט פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418